נאָך עטליכע וואָכן פון העפטיגע דיונים און בירורים

# ענדגילטיגער הוראה צו כלל ישראל דורך גדולי הדור שליט״א נישט צו נוצן דעם נייעם ״בראַקל״ האָן האָט הילכיגן אָפּקלאַנג אין די אידישע וועלט

**קלאָרע תשובות פון הגאון האדיר פוסק הדור ראב״ד ירושלים שליט״א, כ״ק מרן הגה״ק מסאַטמאַר שליט״א, און הגאון הגדול מראשי המומחים בעולם הכשרות גאב״ד בני ברק שליט״א זענען מברר די פּרטים אַרום דעם ״בראַקל״, אין מציאות און הלכה - די עופות וואָס מ׳נוצט ביז היינט ״זענען כשר און מהודר און ס׳איז נישטאָ אויף זיי קיין שום ערעור אָדער חשש כלל״ - הלכה׳דיגער פּולמוס איבער די נייע עופות ציט אריין גאַנצע אידישע וועלט אין העפטיגער ריתחא דאורייתא להגדיל תורה ולהאדירה**

די הלכה׳דיגע שערוריא און שטורעם אין די אידישע גאס בנוגע די נייערצייגטע ׳בראקל׳ הינער, וואָס קאָכט זיך שוין עטליכע וואָכן אין די ברייטע אידישע גאַס, האט די וואך דערגרייכט צום אויספיר ווען א רייע גדולי הדור שליט״א זענען אַרויסגעקומען מיט א קלאָרן פסק הלכה און דעת תורה אז כלל ישראל זאל זיך אפהאלטן דאס צו עסן, צוליב די גרויסע חששות וואס זענען דא דערויף, און הגאון האדיר פוסק הדור ראב״ד ירושלים שליט״א פירט אויס מיט די ווערטער פון הייליגן דברי חיים מצאַנז זי״ע, וואָס האָט געשריבן ביי אַן ענליכע פאַל אַז ״זיין דין איז ווי אַן עוף טמא, און אפילו אויב אַלע גדולי ישראל זאָלן עס מתיר זיין וועט עס נאָך אַלס בלייבן אסור״.

דער קלימאַקס איז געקומען דעם פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג תצא, ווען עס איז נתפרסם געוואָרן דער פסק הלכה פון כ״ק מרן הגה״ק מסאַטמאַר שליט״א, וואָס אין א תשובה אויף די שאלות בכתב פון הגאון האדיר ראב״ד ירושלים שליט״א און הגאון הגדול גאב״ד בני ברק שליט״א צום רבי׳ן שליט״א, האָט ער געענטפערט חוות דעת קדשו אַז דער בראקל איז אן עוף וואס האָט נישט קיין מסורה און מען קען עס נישט מתיר זיין, און ער איז משמיע דעם דבר ה׳ אַז ״בודאי ישראל קדושים יתנזרו מבשר עוף זה בכל מקומות מושבותיהם״.

אין די פאלגענדע שורות וועלן מיר אביסל אויסשמועסן דעם הלכה׳דיגן סומאטוכע וואס איז אנטשטאנען און די צדדים ארום, ווי פארשטענדליך דארפ׳ן מיר קלארשטעלן אז א צייטונג איז נישט קיין הלכה׳דיגער פוסק אדער בכלל ענליך דערצו, לתועלת פון אונזערע ליינער שיחי׳ מיר טון מיר בלויז אראפברענגען אויפ׳ן שפיץ גאפל די תמצית היוצא פונעם גאנצן ענין.

*

### אדירי התורה פון פריערדיגן דור איבער׳ן כשרות פון עופות

עס איז שוין אייגנטליך לענגערע יארן וואס עס איז ארויפגעקומען על שולחן מלכים, מאן מלכי רבנן, פארשידענע פראַגעס איבער די געווענליכע הינער וועלכע זענען אין באנוץ ביי די גאנצע אידישע וועלט שוין צענדליגער יארן, ווי לדוגמא אז עס ווערט אויסגעמישט מיט אנדערע מינים (טהורים, אדער טמאים) און דעריבער פארלירט עס די מסורה, צי אז מ׳גיבט פאַר די הינער איינשפריצונגען פון גענעטישע מאַטעריאַל כדי צו פאַרבעסערן זייער פּראָדוקציע און ס׳זענען פאראן חששות צי עס פאַלט נישט אַריין דאָרט די-ענ-ע׳ פון עופות טמאים אד״ג וואָס קען אפשר מעורר זיין א חשש להלכה, און נאך אזעלכע ענליכע שאלות, וואס האט שוין בעבר פאראורזאכט א תורה׳דיגער שטורעם. ספעציעל איז אויפגעקומען דער זאָרג אַז אפילו אויב ביז היינט האָט נאָך גאָרנישט פּאַסירט וואָס זאָל טשעפּען מיט׳ן כשרות פון די עופות, אָבער ווער ווייסט וואָס ס׳קען נאָך אויפקומען אין דער צוקונפט אויב מ׳וועט נישט שטיין על המשמר אַז ס׳זאָלן נישט אַריינפאַלן קיין פּראָבלעמאַטישע עופות.

אין שו״ת תשובות והנהגות פון הגאון האדיר ראב״ד ירושלים שליט״א (ח״ד סי׳ קפ״ד) געפינען מיר א לענגערע תשובה בהלכה וואס דער ראב״ד איז מעורר איבער פארשידענע חששות וואס קענען מעגליך פאסירן אינעם עתיד בנוגע די כשרות העופות, און דעריבער דארף מען שטיין על המשמר און זיכער מאכן אז עס כאפן זיך נישט חלילה אריין קיין מכשולות, אבער אין די זעלבע צייט טוט דער ראב״ד אפווארפן די טענות וואס מען האט בשעתו ארויסגערוקט קעגן די געווענליכע עופות, שרייבנדיג ״בינתיים אין שום חשש על התרנגולים, ואין היום שום יסוד בארץ להחמיר בזה״.

אין א באזונדערע תשובה להלכה (ח״ה סי׳ רמ״ד) טרעט דער ראב״ד שליט״א ארויס מיט א שארפקייט קעגן די מערערים אויף די עופות, זאגנדיג ״עצם הרעיון שכל בית ישראל נכשלים רח״ל טריפות, פיגול הוא ולא יירצה, ומטילים מום בקדשים בגדולי ישראל ועם ה׳ ועוד״, און דאס וואס זיי ווילן ברענגען פארשידענע באווייזן פון פארשער למיניהם וואס טייל פון זיי זאגן אז די היינטיגע עופות זענען אויסגעמישט מיט אנדערע מינים, זענען זיי אבער צו די זעלבע צייט מעלים עין פון די זעלבע ׳פאָרשער׳ אז ״אַלע״ היינטיגע הינער שטאמען במקור פאר מער פון טויזנט יאר צוריק פון ווילדע טמא׳נע עופות... דעריבער אויב זאל מען זיך באציען ערנסט צו זייערע ווערטער, קען מען גאר חלילה מפקפק זיין אויף רבותינו הראשונים וואס מפיהם אנו חיים כאילו זיי זענען נכשל געוואָרן מיט עופות טמאים... ואם כן אין לדבר סוף, און חלילה אזוי צו זאגן.

אויך הגאון האדיר רבי מאיר בראנסדארפער זצ״ל חבר ביד״צ העדה החרדית האט אין יאר תשס״ד געשריבן א תשובה להלכה צו הגאון הגדול רבי משולם פאלאטשעק שליט״א אב״ד ומח״ס מגד יהודה (געדרוקט אין קנה בושם ח״ד סי׳ מ״ו) וואו ער מאכט אוועק די אלע נייע חששות, און דער גרויסער גאון זצ״ל דרוקט זיך אויס בלשונו (איבערגעטייטשט אויף אידיש): ״אודאי קען מען נישט זאגן אז גאנץ כלל ישראל בעבר ובהוה זענען ח״ו אלע נכשל מיט׳ן עסן אפילו בלויז א חשש דברים טמאים״, און ער שילדערט ווי אזוי ער צוזאמען מיט׳ן גאנצן בית דין העדה החרדית ובראשם דער פריערדיגער ראב״ד הגאון האדיר רבי ישראל יעקב פישער זצ״ל זענען פערזענליך אראפגעפארן באטראכטן די געווענליכע עופות, ״ועל סמך זה החליטו הביד״צ שאין שום חשש בזה בעזהי״ת״, ואלקים נצב בעדת קל.

ווי עס זענען מעיד די בני הבית פון הגאון האדיר פוסק הדור רבי שמואל הלוי וואזנער זצ״ל גאב״ד זכרון מאיר ובעל שבט הלוי, האט דער גאון זצ״ל געגעסן די היינטיגע עופות עד יומו האחרון, וואס פון דעם זעט מען אז ער האט נישט חושש געווען למעשה אויף די אלע ערעורים, פארט איז ער מעורר בספרו שו״ת שבט הלוי (ח״י סי׳ קי״ג) איבער הארבע חששות וואס קען חלילה פּאַסירן אין דער צוקונפט, און דעריבער דארף געשטעלט ווערן א שטרענגע השגחה זיכער צו מאכן אז די עופות

(פארזעצונג אויף זייט 41)

ועד השחיטה שע״י העדה החרדית ביי זיצונג אין שטוב פון הגאון האדיר הראב״ד שליט״א צו הערן חוות דעתו הגדולה איבער די בראקל הינער

הרבני הנגיד ר׳ בערל ווייס הי״ו פון לאָס אנזשעלעס אין שטוב פון ראב״ד ירושלים שליט״א אָנוועזנד ביים זיצונג, און איז מדגיש אַז מ׳זאָל נישט קוקן אויפ׳ן הפסד פון אינוועסטירער נאָר אַרויסברענגען פאַר די וועלט דעם קלאָרן אמת׳ן דעת תורה און פסק הלכה

מרן הגה״ק מסאַטמאַר שליט״א ביי זיצונג מיט גרויסע מומחים אין עניני עופות. ווערט אויך געזעען הרה״ח ר׳ מאיר הירש הי״ו, מראה״ק ומנהלי המוסדות דקרית יואל

הגאון האדיר ראב״ד ירושלים שליט״א ביים דן זיין איבער די בראקל האָן

# ענדגילטיגער הוראה צו כלל ישראל דורך גדולי הדור שליט"א נישט צו נוצן דעם נייעם "בראַקל" האָן האָט הילכיגן אָפּקלאַנג אין די אידישע וועלט

(פארזעצונג פון זייט 40)

זענען ריין כמקדמת דנא, און דער גאון זצ"ל האט טאקע מעודד געווען עסקנים ארומצוזוכן עופות וואס מען זאל האלטן אן עינא פקיחא דערויף מרישא ועד גמירא.

נישט בלויז אין ארץ ישראל נאר אויך אין אמעריקע איז דער נושא ארויפגעקומען אויפ'ן טיש פון די עיני העדה ובראשם כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, וועלכער האט זיך אריינגעלייגט ראשו ורובו הדק היטב אינעם נושא זיכער צו מאכן אז אלעס איז בתכלית הכשרות והשלימות. דער סאטמארער רבי שליט"א שמועסט אויס אינעם בריוו צו הגאון אב"ד בני ברק שליט"א, אז ער איז מיט קרוב צו צוואנציג יאר צוריק פערזענליך אראפגעפארן צו די פארמס וואו די הינער וואקסן אויף, אינאיינעם מיט הגאון האדיר דומ"ץ קרית יואל שליט"א, הגאון הגדול ר' משולם פּאָלאַטשעק שליט"א אב"ד מגד יהודה, און נאך חשובע רבנים וגדולי תורה שליט"א, און מען האט מברר געווען יעדן פרט ופרט לעומקן של דברים אַז ס'איז נישטאָ קיין שום חשש. און דערביי איז אויך איינגעשטעלט געווארן תיקונים גדולים ונשגבים בנוגע די עופות וואס ווערן געשאכטן אינעם בית השחיטה המהודרת דקרית יואל, זיכער צו מאכן אז אלעס איז אויפ'ן בעסטן אופן בתכלית הכשרות.

עס איז דאן אויפגענומען געווארן הגאון בעל מגד יהודה שליט"א צו שטיין על המשמר בפיקוח תמידי במשך אלע יארן, צו זיין בעל אחראי און פארזיכערן אז די עופות ווערן נישט פארענדערט, כדי צו האלטן דעם כשרות סטאנדארט פון די עופות אויפ'ן העכסטן ניווא, און פארזיכערן אז מען פאלט נישט ח"ו אריין אין קיין שום פראבלעם אפילו בכל שהוא.

דער רבי שליט"א שרייבט ווייטער, אז פארלאפענעם מיטוואך פ' ראה איז ער געזעצן אינאיינעם מיט הגאון האדיר דומ"ץ קרית יואל שליט"א און הגאון הגדול בעל מגד יהודה שליט"א וועלכע שטייען על משמר הכשרות אינעם בית השחיטה המהודרת, "און נאך א צאל חקירות ודרישות האבן מיר מברר געווען בבירור גמור, אז די דאזיגע עופות זענען כשר און מהודר און עס איז נישטא דערויף קיין שום ערעור אדער חשש, אדרבה דאס זענען די עופות וואס האבן די מסורה און האבן זיך שטענדיג געפינען אויפ'ן טיש ביי די גדולי הדור מאז ומקדם".

## פון וואו איז דער "בראַקל" אַפּירגעקומען?

וויבאלד די טעכניק ווערט אבער כסדר נתחדש, און מען דארף האלטן כסדר א וואכזאם אויג, בפרט אין ארץ ישראל וואו די זאַכן זענען אַנדערש ווי אין אַמעריקע, זענען עסקנים אין ארץ ישראל נתעורר געווארן מיט עטליכע יאר צוריק אריינצושפּרינגען אין א אונטערנעמונג צו טרעפן אן עוף וואס סיי עס האט די אנגענומענע מסורה אז מען האט עס שטענדיג געגעסן ביי אידן, אבער עס האט אויך די מעלה אז מען ווייסט קלאָר אַז ס'איז נישט אַריינגעמישט געוואָרן גאָרנישט פון אַנדערע עופות אין לויף פון די לעצטע יאָרן ווען די אינדוסטריע האָט זיך אַלס מער און מער אנטוויקלט. איינמאָל מ'וועט טרעפן אַזאַ סאָרט עוף וועט מען עס איינגאנצן אליין אויפהאדעוון און אזוי זיכער מאכן אז עס בלייבט אינגאנצן ריין.

די עסקנים פון "מסורת טהרת העופות" האבן דאן ערהאלטן א מכתב חיזוק פון כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א און הגאון האדיר פּוסק הדור ראב"ד ירושלים שליט"א דאטירט אויף זונטאג פר' עקב תשע"ג, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט אז די עסקנים וועלן זיך אפגעבן מזכה צו זיין כלל ישראל צו עסן עופות טהורים אן קיין שום חשש דורכדעם וואס עס וועט זיין אן השגחה תמידי אויף די עופות פונעם געבורט ביז ווען דער עוף ווערט געברענגט צו שחיטה. הגאב"ד והראב"ד שליט"א זענען אבער מדגיש אינעם בריוו אז די רעדע דארף זיין דוקא פון אזעלכע עופות "שיש להם מסורת טהרה", עס זאל האבן די מסורה אז מען האט עס שטענדיג געגעסן ביי כלל ישראל.

וואס איז פשט פון 'מסורה' ביי עופות? לאמיר א מינוט אויסשמועסן גאר אין קורצן די שורשי הדברים.

אין די פסוקי התורה געפינען מיר נישט קיין קלארע אנווייזונגען ווי אזוי צו וויסן וועלכע עוף מען מעג יא אדער נישט עסן, די תורה געבט בלויז א רשימה פון עופות טמאים וואס דאס טאר מען זיכער נישט עסן, ווי לדוגמא די נשר, פרס, אזניה, עורב, און אזוי ווייטער, די עופות טהורים ווערט נישט דערמאנט. אונזערע הייליגע חכמים האבן אבער געגעבן סימנים וואס ווערן געברענגט אין שולחן ערוך (יו"ד סי' פ"ב ס"ב), וואס מעיקר הדין קען מען לויט דעם באשליסן אז דאס זענען עופות טהורים, די זעלבע איז דא סימנים אויף עופות טמאים. אבער אפילו אויך אויב די סימנים ווייזן אז מעיקר הלכה אז עס איז מותר, איז באקאנט וואס דער הייליגער רמ"א זאגט דארט (שם סעיף ג') אז מיר פירן זיך נישט צו עסן נאר עופות וואס מיר האבן א מסורה אז אידן האבן דאס געגעסן פון פריער, און דער רמ"א ענדיגט "ואין לשנות".

דער מקור הענין געפינען מיר אין רש"י מס' חולין, אז בתקופת חכמי התלמוד האט מען זיך געפירט צו עסן א געוויסע עוף לויט די סימני טהרה וואס עס האט פארמאגט, אבער נאך א שטיקל צייט האט מען געזען אז עס איז אן 'עוף הדורס' (וועלכער פארציקט זיינע קרבנות מיט אכזריות) וואס דאס איז איינס פון די סימני עופות טמאים, און דעמאלטס איז זיי קלאר געווארן אז מען קען זיך מער נישט פארלאזן בלויז אויפ'ן בודק זיין די סימני טהרה, און עס איז נתקבל געווארן נישט צו עסן עופות נאר אזעלכע וואס מיר פארמאגן א מסורה אז אונזערע עלטערן האבן עס געגעסן.

זינט דאן, מאז ומעולם יעדעס מאל וואס די חכמי ישראל האבן געדארפט מכריע זיין לגבי די כשרות פון א נייע עוף וואס איז נישט געווען באקאנט ביז דאן, האט מען זיך נישט באגנוגנט מיט'ן

(פארזעצונג אויף זייט 42)

ריתחא דאורייתא צווישן מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א, הגאון האדיר דומ"ץ קרית יואל שליט"א, און הגאון הגדול אב"ד מגד יהודה שליט"א

ספרד'ישער רב הרב מחפוד שליט"א, גרויסער בעל מכשיר לעדת הספרדים, ביים הערן פסק הלכה פונעם ראב"ד ירושלים שליט"א

גאב"ד בני ברק שליט"א ביים ראב"ד ירושלים שליט"א ביי ענדגילטיגער דיון איבער די בראַקעל הינער פאַרגאַנגענעם ה' שופטים

מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א ביים מברר זיין אַלע פּרטים אַרום די "בראַקל" הינער

# ענדגילטינער הוראה צו כלל ישראל דורך גדולי הדור שליט"א נישט צו נוצן דעם נייעם "בראַקל" האָן האָט הילכיגן אָפּקלאַנג אין די אידישע וועלט

(פאַרזעצונג פון זייט 41)

בודק זיין די סימני טהרה, נאר מען האט געדארפט מכריע זיין צי דאס איז די זעלבע מין פון איינע פון די עופות וואס מען איז שוין איינגעוואוינט צו עסן, אדער אז אין געוויסע מקומות האט מען געהאט א מסורה דערוועגן שטענדיג געגעסן, אויב מען האט נישט געוואוסט די מסורה האט מען עס נישט מתיר געווען, און עס האט א דין פון אן עוף טמא לכל דבר. דער מהלך וויאַזוי אויסצואַרבעטן וואָס הייסט א "מסורה" איז אַלעמאָל געווען א פאַרצווייגטער און קאָמפּליצירטער, וואָס האָט צומאָל געפירט צו שטורמישע ויכוחים צווישן גדולי הדור פון יענע תקופה.

צוריק צו די דערמאנטע עסקנים וואס האבן אודאי געמיינט לשם שמים מיט גוטע כוונות. זיי האבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן איבער פארשידענע פלעצער ארום די וועלט צו טרעפן אן עוף וואס וועט לויט זיי זיין פולשטענדיג ריין און דאס מערסטע אויסגעהאלטן, זיי זענען דאן אנגעקומען קיין בעלגיע און זיך באגעגנט מיט'ן עוף 'בראקל', וואָס ווערט אַזוי גערופן אויפ'ן נאָמען פון די געגנט וואו ער האָט זיך געהאָדעוועט, דער "בראקל" ראַיאָן אין בעלגיע.

אין די יאָרן נאָך די צווייטע וועלט מלחמה איז דער "בראקל" האָן כמעט גענצליך פאַרניכטעט געוואָרן. דער האָן בעצם פלעגט כמעט נישט ווערן געהאָדעוועט דורך די פאַרמער צום עסן, וויבאַלד זיין פלייש איז נישט צו געשמאַק, נאָר מ'פלעגט עס נוצן בעיקר צו לייגן אייער, און דעריבער איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיך אָפּגעבן צו האָדעווען דעם ספעציפישן סאָרט האָן. מיט'ן לויף פון די יאָרן האָבן געוויסע פאַרמער גענומען צוריק האָדעווען דעם האָן, לויט געוויסע איז עס געווען דערפאַר וואָס דער האָן איז א שיינער און שטאַרקער האָן, און זיי פלעגן עס נוצן ביי א געוויסע סאָרט געמיינע גוי'אישע שפיל ווען מ'שטעלט אַוועק צוויי הינער זיך שלאָגן און שטויסן איינער מיט'ן אַנדערן, און זיי האָבן גענוצט דעם "בראקל" האָן פאַר די סאָרט שפילערייען.

על כל פנים, נאָך לאַנגע זוכענישן וואָס די עסקנים האָבן באַזוכט ביי א רייע גוי'אישע פאַרעמס זענען זיי ענדליך אָנגעקומען צו פאַרמער וועלכע האָבן געהאָדעוועט דעם "בראקל", און זיי האָבן חוקר ודורש געווען ביי די גוי'אישע פאַרמער וועלכע האָבן עדות געזאָגט אַז דער בראקל האָן איז נישט געוואָרן געמישט מיט אַנדערע הינער, און דערמיט האָבן די עסקנים געשפּירט אַז זיי האָבן געטראָפן א האָן וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט געמישט און דעריבער האָט עס נישט די זאָרג וואָס זיי האָבן געהאַט ביי די ביז-איצטיגע הינער.

זיי זענען דערפאַר באַלד אַריינגעשפּרינגען אין דעם עסק. כדי צו קענען אויפטרייבן די ריזיגע געלטער וואס דאס פאדערט, צו קענען אַריבערברענגען און אויפהאדעווען די פרישע עופות אין ארץ ישראל מען זאל עס קענען שעכטן אין גרויסע מאַסן געננוג פאַר'ן ריזיגן חרדי'שן ציבור אוכלי כשרות אין ארץ ישראל, האט די דערמאנטע חברה "מסורת טהרת העופות" זיך פארבינדן מיט גרויסע חרדי'שע אינוועסטירער און שווער געארבעט עס דורכצופירן.

דער 'בראקל' ווערט שוין למעשה א שטיק צייט געשאכטן אין ארץ ישראל, אבער בלויז אויף א קליינע פריוואטע פאַרנעם. צום באַדויערן איז די אַרבעט פון אַריינברענגען דעם נייעם עוף נישט געוואָרן געהעריג אויסגעאַרבעט און אַדורכגעשמועסט מיט אַלע גדולי התורה וההוראה שליט"א, וועלכע זענען עומד בראש פון די ברייטפאַרצווייגטע מערכות הכשרות אין ארץ ישראל, וואָס כמובן אויב מ'וויל אַדורכפירן אַזאַ געוואַלדיגן שינוי אין אַזאַ האַקעלע נושא ווי עופות, וואָס איז נוגע פאַר גאַנץ כלל ישראל יעדן איינציגן טאָג, האָט מען עס געדאַרפט קלאָר מברר זיין מיט אַלע גדולי התורה שליט"א אשר מפיהם אנו חיים.

אין די לעצטערע וואכן ווען מען האט גענומען פלאנירן עס אריינצוברענגען אינעם מארקעט אויף א גרויסן פארנעם ביי די באקאנטע גרויסע בתי שחיטה, ספעציעל אינעם באַרימטן בית השחיטה פון די עדה החרדית אין ירושלים עיה"ק. דאַן איז אַרויסגעקומען פאַר די ברייטע גאַס די נייעס אַז מ'וויל אַריינברענגען א גענצליך נייעם עוף אין די מאַרקעט, און עס האט אויסגעבראכן א געוואַלדיגער שטורעם אינעם עולם התורה, וכדרכה של תורה זה בונה וזה סותר, מיט קונטרסים און בירורי הלכה איבער דעם ענין.

די גדולי התורה המתירים האָבן געטענה'ט און געברענגט פאַרשידענע עדות'שאַפט אז דאס איז ממש דער זעלבער ווי דער "באלאדי" האָן וואס מען פלעגט אמאל אויפהאדעווען און שעכטן אין ארץ ישראל, און ממילא האָבן זיי געהאַלטן אַז דער בראקל האָן האָט אויך א געהעריגע מסורה. צו דעם האבן זיך אויך צוגעשטעלט א צאל שוחטים אז זיי געדענקען מען זאל עס שעכטן אין ארץ ישראל, כאטש טאקע נישט ביי די אנגענומענע בתי שחיטה אבער פריוואטע מענטשן פלעגן עס יא שעכטן.

צווישן די מתירי העופות ציילט זיך הגאון הגדול מעמודי ההוראה בדורינו רבי משה שאול קליין שליט"א אב"ד שכונת אור החיים בני ברק וחבר ביד"צ זכרון מאיר, תלמיד מובהק פונעם פוסק הדור בעל שבט הלוי זצ"ל, וואס אין א בריוו באזירט אויף די ווערטער פון שבט הלוי זצ"ל און עדות פון עטליכע שוחטים זקנים האט ער אנגענומען אז די עופות זענען כשר לכתחילה.

לדעות המתירים ציילן זיך אויך הרבנים הגאונים רבי שריאל רוזענבערג שליט"א און רבי מנחם מנדל לובין שליט"א, חברי הבית דין צדק פון הגאון הגדול רבי נסים קארעליץ שליט"א גאב"ד רמת אהרן בני ברק, וועלכער עסט שוין אליינס פון די עופות עטליכע יאר, אזוי אויך זענען נתפרסם געווארן נאך בריוו פון עטליכע רבנים, צווישן זיי פון הגאונים רבי משה זאב זארגער שליט"א דומ"ץ בעדה החרדית בעל וישב משה, רבי שלמה יודא הירש שליט"א רב ועד השחיטה של העדה החרדית, און הגאון רבי אמיתי בן דוד שליט"א בעל שיחת חולין עמ"ס חולין.

## ענדגילטיגער פּסק הלכה פון גדולי הדור

דאַגעגן איז פאָרגעקומען פאַרגאַנגענעם פר' עקב א לענגערע זיצונג פון פיר שעה אין שטוב פון הגאון האדיר ראב"ד ירושלים שליט"א — ווי געמאָלדן געוואָרן צוויי וואָכן צוריק אין "דער בלאַט" — וואו מ'איז געזעצן מיט גרויסע מומחים אין עניני עופות. אַזוי אויך האָט מען דאָרט געהערט פון א צאל עלטערע און לאַנגיאָריגע שוחטים וואס טענה'ען אז דאס איז גענצליך א נייער עוף וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט געזען ביז יעצט, און עס פארמאגט א ריי שינויים און מערקבארע חילוקים פון די געווענליכע צורת העופות, צווישן דעם אז דער נאז ענדיגט זיך מיט א שארפן שפיץ וואס אזוי קוקן אויס בדרך כלל די עופות הדורסים, און פארשידענע נאטורן וואס ענדלען מעגליך צו עופות טמאים, ממילא אויסער וואס איז נוגע לגבי 'מסורת' איז דער שאלה אויך אויפ'ן עוף גופא.

נאָך די זיצונג האָט דער ראב"ד שליט"א אַרויסגעגעבן זיין פּסק הלכה אַז מ'טאָר נישט נוצן דעם עוף. דערמיט האָט דער ראש בית דין שליט"א אַראָפּגעשטעלט דעם קלאָרן דעת תורה, וואָס שוין לאַנגע יאָרן איז נישט פאָרגעקומען ביי כלל ישראל אַזאַ גרויסע און פאַרצווייגטע שאלה וואָס זאָל אַרומנעמען ממש גאַנץ כלל ישראל, און עס האָט שוין געהאַלטן אָט אָט ביים ווערן א געשעענער פאַקט, און בלויז אַדאַנק די סיעתא דשמיא און געוואַלדיגער כח ההוראה פונעם ראב"ד שליט"א איז דאָס אָפּגעשטעלט געוואָרן אין די לעצטע מינוט, וואָס האָט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די גדולי הדור שליט"א צו לאָזן הערן חוות דעת תורתם אין דעם ענין.

באַזונדער, ווי שוין געמאָלדן געוואָרן אין "דער בלאַט", האָט הגאון הגדול רבי משה יהודה לייב לאַנדאָ שליט"א, גאב"ד בני ברק און פון די גרעסטע מומחים אין די כשרות וועלט, זיך שטאַרק אַריינגעלייגט אין די נושא. ער האָט זיך מטריח געווען בטירחא דגופא און אַראָפּגעפאָרן צו די שטייגן וואו די בראקל הינער זענען געהאָדעוועט

(פאַרזעצונג אויף זייט 43)

אהרן טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר

בעז"ה

כי אורך ימים ושנות חיים יוסיפו לו, שלום וישע רב לכבוד ידידי
האי גאון וגדול, מגדולי עמודי הכשרות בדורינו, כש"ת
רבי **משה יהודא ליב לאנדא** שליט"א
העומד על משמרת הקודש
**רב אב"ד עיר התורה והחסידות בני ברק בארצה"ק תו"ב**

אחר הושטת שרביט הכבוד אודיענו על קבלת מכתבו בדבר שאלת העופות אשר חדשים מקרוב באו הנקרא 'בראקל', ונפלאות נראיתי בדברי מעכ"ת שליט"א שעומד בראש הר ה' נכון ונישא עיר מלאה חכמים וסופרים, ועיניו כיונים על צרכי העיר ותושבי', ישמח מש"ה במתנת חלקו כאב"ד נאמן נושא את משא עבודת הקודש לפקח על עסקי מתא וצרכי הדור, לעמוד בראש מערכת הכשרות בעיר גדולה לאלקים עם אלפי תושבים מיסודו של אביו הגה"צ זצ"ל, ומשם יתד ופינה לאחינו בני ישראל יראים ושלמים מדקדקים בכשרות בכל תפוצות ישראל, ועל של עכשיו ביותר אזר כגבור חלציו ולקח קסת הסופר במתניו לקנא קנאת ה' ולעמוד על המשמר כפי ראות עיניו בדת תורה הבהיר, ובמקום גדולת תורתו שם ענותנותו שלא חס על עמלו בטירחא דגופא וטירחא דגברא רבה דכוותי' כדי לברר דברים ברורים כשמלה לאמיתה של תורה ולהורות את בני ישראל הכשרים הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד לדעת את האסור ואת המותר, ואשרי הדור שהגדולים נמלכים בקטנים לברר דין אמת לאמיתה של תורה להעמיד הדת על תילה מיד ולדורות לאחב"י מדקדקים בכשרות למהדרין מן המהדרין.

הן בהיות השאלה נוגע גם לבית השחיטה פק"ק קרית יואל יצ"ו, אשר ממנו מספקים בשר עוף בשחיטה מהודרת לאלפי אלפים מאחב"י המדקדקים בכשרות פה ארה"ב יצ"ו, ישבנו כסאות למשפט עם שוחטים ותיקים וגדולי המורים הבקיאים היטב בליבון הלכתא ומציאות הדברים להבדיל בין הטהור והטמא, וגם לרבות עם מגדלי עופות ומומחים בענינים אלו לברר מציאות הדברים, והובא לפנינו העוף החדש 'בראקל' לפרוש הדברים כשמלה, ואין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות. וראיתי בהם איך שהוא משונה בכל צורתו ומהותו מהתרנגולים אשר אנו רגילים בהם, הן בצבע החרטום (עי' דרכי תשובה סימן פ"ב סק"ו, שהביא דברי הפוסקים שחרטום שחור הוי שינוי) ובצבע הרגלים (עי' שו"ת אבני צדק לק"ז הייטב לב זצללה"ה יו"ד סי' כט, ששינוי בצבע הרגלים הוי שינוי), הן בקולו שצועק בקול משונה יותר מתרנגולים הרגילים, והן בצבע הכרבולת שלו שהוא משונה בצבעו ותוארו, וכמו כן הוא עוף יעופף שלא כהרגלו של תרנגול המצוי אצלינו ובפרט לפי גודלו.

כל זה ראיתי בעיני וכן העידו לפני כמה שוחטים מובהקים שעוף זה משונה בפרטים הללו מהעופות שהיו רגילים אצלינו ובדור העבר, ובכגון דא כבר הורה זקן ק"ז מרן הגה"ק הדברי חיים זצללה"ה (אבה"ע סי' פ"ב, ובעוד כמה תשובות) ששינוי כזה צריכה מסורה מיוחדת על עוף זה ואין למידין מתרנגול לתרנגול. וכה העלה בנו מרן הגה"ק משינאווא זצללה"ה (שו"ת סי' כ') בביאור לשון המחבר (יו"ד סי' פ"ב סעיף ב') שכ' 'ועוף טהור שנאכל במסורת והוא שיהי' דבר פשוט באותו מקום שזה עוף טהור' דנראה כוונתו שאם יבא עוף חדש שיהי' ג"כ בתמונה זו, רק שעוף כזה לא היה עוד מקודם באותו מקום אין המסורה של מין המצוי מועיל, עכתו"ד. וכן כ' גם במכתבו להרה"ק מהר"מ מדעעש זצ"ל בזה"ל, זה הכלל כל עוד שאינו שוה לעופות שאנו אוכלין, הגם שדומין להם בתמונתו והשינוי מעט אין אנו רשאין לאכלן עד שיהי' ידיעה שנאכלין במקום שיש בני תורה

אהרן טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר

ויראת שמים, עכ"ל, וכ"ש בעוף הזה שיש להם שינויים גדולים, כמ"ש לעיל. ולכן הורינו הלכה למעשה שלא להכניס עוף זה בבית השחיטה דפה. וכך נגמר הדין ע"י גדולי המורים שבארץ הקודש ה"ה מעכ"ת הדר"ג שליט"א, ואתו עמו מכתבו הבהיר לאמיתה של תורה של ידידי הגאון הגדול המפו' דרופתקא דאורייתא רבי משה שטרנבוך שליט"א ריש בי דינא רבא בירושלים עיה"ק, ובכן בודאי ישראל קדושים יתנזרו מבשר עוף זה בכל מקומות מושבותיהם.

ובענין העופות הרגילים אצלינו זה עשרות בשנים, ירד ירדנו מלפני קרוב לעשרים שנה באלה מסעי יחד עם רבנים גדולי תורה והוראה שליט"א למקום גידול התרנגולים והעופות לברר כל פרט ופרט לאשורו, ותיקונים גדולים עשינו על מקור מוצא העופות הנשחטים פק"ק, בפיקוח תמידי במשך כל השנים על משמר כשרות העופות שיהא ראוי לעלות על שלחן אחב"י המהדרין בכשרות. גם כעת ביום ד' פ' ראה העעל"ט ישבנו כסאות למשפט והתוועדנו יחד עם ידידי הגאון רבי שלום אליקים געציל בערקאוויטש שליט"א דיינא רבא דפק"ק קרית יואל יצ"ו, ואתו עמו ידידי הגאון רבי יהודא משולם דוב פאלאטשעק שליט"א אב"ד ומח"ס שו"ת מגד יהודה, הם העומדים על משמרת הכשרות של בית השחיטה דפק"ק, ובררנו בבירור גמור אחרי כמה חקירות ודרישות, בירור אחר בירור, שהעופות הללו כשרים ומהודרים ואין עליהם שום ערעור או חשש כלל, ואדרבה הם הם העופות שיש להם המסורה ועלו על שלחן מלכים מאן מלכי רבנן גדולי הדור מאז ומקדם.

ובנוסף לזה ראוי לציין מה שהאריכו גדולי ישראל למעניתן, שאין לערער ולהוציא לעז על עוף טהור שיש לה ד' סימני הכשרות שנאכל כבר רבות בשנים, גם אם אין לה המסורה שחייב אותנו הרמ"א, וכמו שהביא בדרכי תשובה (יו"ד סי' פ"ב בשם שו"ת משיב דבר (יו"ד סי' כב) לענין האינדי"ק, שהיו הרבה מערערים עליהם בשעה שהביאום מאינדיא ולא היה מסורת על כשרותם, וגם עוד היום יש מחמירים ופורשים מהם, ומ"מ כבר נהגו להיתר ואין פוצה פה, והוא משום שכבר הוחזקו להיתרא ואין ראיה לאסרם, אין לנו לאסרם ולהוציא לעז על אבותינו שאכלו עוף טמא ח"ו, עכ"ל. ויסוד דבריו קילורין גם לענינינו באותן העופות שנאכלין כבר זה שבעים שנה על ידי המוני בית ישראל ורבנים גדולים צדיקים מפורסמים אשר מימיהם אנו שותים.

גם אני שמעתי את נאקת מעכ"ת שליט"א, אשר דיונים כאלו העומדים ברומו של עולם הנוגע לכלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם, ויש בהם צדדים רבים בכללי הפסק ואופני הדיון, מקומם אך ורק על שלחן מלכים גדולי תורה והוראה עם מסורת העבר הנושאים בעול הציבור בידיעה מקיפה בטיב ההלכה ומציאות הדברים, להם משפט הבכורה וגודל האחריות לדון בהשכל ודעת להורות את עם ה' האסור והמותר, ולא כל אברך וצורב שיש לו עט סופר. ותיתי לי' למעכ"ת שליט"א שבעומדו בראש מערכת הכשרות בעירו נכנס בעובי הקורה לברר דעת תורתו הבהיר בכובד ראש למען כבוד שמו ית'.

בזה אצא בברכת שים שלום טובה וברכה מול מעכ"ת שליט"א, שיזכה עוד רבות בשנים לעמוד על משמרת התורה והעמדת הדת על תילה, למען יאריך ימים על ממלכתו מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, ובפרוס עלינו השנה החדשה יזכה להכתב בספרן של צדיקים גמורים לאלתר לחיים טובים וארוכים, ובקרוב נזכה לשמוע רגלי מבשר ציון בביאת גוא"צ בב"א.

ע"ז באעה"ח יום א' לס' למען ייטב לך והארכת ימים, ה' לחודש אלול תשע"ז לפ"ק

הק' אהרן טייטלבוים

# ענדגילטיגער הוראה צו כלל ישראל דורך גדולי הדור שליט"א נישט צו נוצן דעם נייעם "בראַקל" האָן האָט הילכיגן אָפּקלאַנג אין די אידישע וועלט

(פארזעצונג פון זייט 42)

געוואָרן, און נאָך פילע טירחות האָט ער באַוויזן אָנצוקומען אינעווייניג און באַאבאַכטן די הינער פונדערנאָנט. דערנאָך האָט ער געשריבן א תשובה צו מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א צו הערן חוות דעת קדשו איבער די נושא.

מיר האָבן שוין אויך באַריכטעט אַז עס זענען פאָרגעקומען מערערע אסיפות אין שטוב פון מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א בביתו נאוה קודש אין קרית יואל מיט די עוסקים אין דעם ענין; מיט שוחטים מובהקים מדור הקודם, און גדולי הרבנים היושבים על מדין שליט"א, ווען דערביי האט מען געצייגט די עופות איבער וואס מען איז דן און מ'האט מברר געווען דעם ענין לארכה ולרחבה.

דער רבי שליט"א האט אויך אריבערגערופן לביתו נאוה קודש פארמערס און אלגעמיינע מומחים און פראפעסארן איבער דעם ענין, ווען דערביי איז דער רבי שליט"א געשטאנען אין טעלעפאנישע פארבינדונג קיין אויסלאנד מיט די גדולי הרבנים עמודי ההוראה: הגאון האדיר ראב"ד ירושלים שליט"א, און הגאון הגדול גאב"ד בני ברק שליט"א, און הגאון הגדול רבי משה שאול קליין שליט"א רב שכונת אור החיים בני ברק וחבר הבד"ץ זכרון מאיר תלמיד מובהק פון בעל שבט הלוי זצ"ל.

במשך די פאַרלאָפענע וואָכן האָט די טעמע כסדר עולה געווען על שולחן מלכים, מאַן מלכי רבנן, און די גאַנצע אידישע וועלט איז פאַרכאַפּט געוואָרן אינעם ברען און קאָך פון די הלכה'דיגע שאלה. דאָס וואָרט "בראקל" איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די #1 טעמע וואָס מ'האָט גערעדט ביי אידן איבער דער גאָרער וועלט, בכל מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע.

דעם פארלאפענעם דאנערשטאג פ' שופטים איז די תורה וועלט אויפגעטרייסלט געוואָרן ווען עס איז אַרויסגעקומען א קלאָרע תשובה און בירור הלכה דורך הגאון האדיר ראב"ד ירושלים שליט"א, וואָס איז געקומען נאָך לענגערע דיונים, אַריינגערעכנט א זיצונג מיט'ן בני ברק'ער רב שליט"א וואו מ'איז פריש איבערגעגאנגען די גאַנצע נושא, און דער ראש בית דין שליט"א איז אַרויסגעקומען קליפּ און קלאָר צו אסר'ן די בראקל הינער!

דער ראב"ד שליט"א ברענגט ארויס אז ער האט מברר געווען ביי א צאל אויסגערופענע מומחים אין דעם פעלד, וואס מערקן אן אסאך שינויים צווישן די בראקל און אַנדערע ענליכע הינער, און זיי טענה'ען אז די רעדע איז פון אינגאנצן צוויי אנדערע עופות, לדוגמא דער קערפער געבוי פונעם 'בראקל' איז שמאל און הויעך וואס איז ענליך צו ווילדע עופות, אזוי אויך אירע פעדערן זענען זייער לאנג און קוקן אויס אינגאנצן אנדערש ווי די עופות וואס האבן יא א מסורת, און בכלל די פלייש האט אינגאנצן אן אנדערן אויסקוק און טעם פונעם 'בלאדי'. בתוך הדברים דערמאנט אויך דער ראב"ד שליט"א אז טראץ וואס די עופות שטאמען פון בעלגיע, האבן אים מעיד געווען בעלגישע איינוואוינער אז דארט איז נישטא קיין שום מסורת דאס צו עסן, און ער פירט אויס "לכן הדבר פשוט וברור שאסור לאכול עוף הבראקל, וגם בדק הגרמי"ל לנדא שליט"א המציאות ומצא שאין שום היתר והכריז עליו לאיסור, ודין העוף כמפורש בדברי חיים שבלא מסורת דינו כעוף טמא, ואפילו כל גדולי ישראל יתירו הוא באיסורו עומד".

עקסטער האָט דער ראב"ד צוגעלייגט גאָר שטאַרק, אז עס וואלט געווען ראוי איינצופירן א גדר אז א שוחט וואס שעכט דעם דאזיגן עוף, ווערט דערמיט גע'פסל'ט צו שעכטן ביי אונזערע שחיטות, און קען נישט זיין קיין משגיח כשרות, און צו די

(פארזעצונג אויף זייט 44)

1

RABBI MOSHE T. LANDA
RABBI OF
BNEI-BRAK, ISRAEL

משה יהודא ליב לנדא
[illegible]
רב אב"ד דבני-ברק

כ"ק וכ"ג האדמו"ר מוהרר"א שליט"א מסאטמר

שלו' ורוב ברכה.

אקרא בקול גדול אוי מה הי' לנו. דורות לא עלה על דעת הבע"ד להכשיל יהודים יראים ושלמים המהדרים ונזהרים לאכול כשר ומהודר. גם הזקן וכסיל הבין היטב שאי אפשר להכשיל יהודים כאלו, במאכלות אסורות, עופות טמאים וכדו' ר"ל

ואילו בעת הזאת החליט להתלבש גם על כאלו שמוסרים נפשם על כשרות בהידור ולהכשילם ר"ל.

זה כבר כעשרים שנה, אשר החלו לערער על העופות ששוחטים בארץ, שאין להם מסורת ולא התענינו כלל איך נותנים הכשר לעופות והאם נותני ההכשר גם הם יודעים שיש סימן פ"ב בשו"ע. כאשר הוכיחו להם דלא ידעי מאי דקא אמרי, לא חששו לכתוב פלפולים נגד המפורש במחבר בשו"ע וכדו'.

כתוצאה מערעורים אלו, החליטו בסוד לפני ב' או ג' שנים, להביא עופות חדשים אשר לא ידעום אבותינו ולהתחיל מסורת חדשה ונפתחה הדרך לפני הבע"ד ר"ל . כשם שהביאו העופות כאן בא"י הביאו בארה"ב ובצרפת. הם אומרים בפירוש כי חדלה מסורת בישראל ולכן חייבים ליצור מסורת חדשה ואם אין מסורת בישראל ימצאו מסורת אצל הגוים והביאו עופות אשר אומרים בשם הגוי שעופת אלו לא נשתנו מאז מתן תורה. לא בדקו האם דברי הגוי אמת ובודאי לא יודעים לבדוק האם אין עופות אלו מן העופות הטמאים או אולי נתערבו בהם עופות טמאים. ובפרט בימינו אשר רבו הדרכים לבדוק ולמצוא מהנעשה רבות בשנים וכמו שיתבאר להלן. על כגון דא אין מלים להסביר ורק לצעוק אוי מה הי' לנו.

בכל השנים לא פרסמנו איך היתה המסורת ואיך נתנו הכשר על העופות. כיון שידוע שהמתעקשים להטיל פסול וחסרון, ימצאו דרכיהם, (וכמבואר בשו"ת תולדות יצחק, קאמארנא, קונטרס דרך נשר סי' ג")

אך בראותי המצב ודרכי הבע"ד. החלטתי לא עוד עת לחשות. מי יודע אם לא כל מיני הכשרים אשר הכשילו את הציבור, הם אשר הביאו המצב הנורא הזה.

בתחילה כאשר תושבי חו"ל הגיעו ארצה מחו"ל התחילו להשתמש בעופות שגידלו הערבים ואשר כולם הכירו את העופות שאכלו אותם גם בחו"ל.

אחר שנת תשי"ב-תשט"ו, התחילה התפתחות של טיפוח עופות בארץ, הי' יהודי חרדי שרצה להקים חות טיפוח עופות. היו מפעלים בחו"ל אשר טיפחו אפרוחים. היו צריכים לברר על עופות עם מסורת. הגענו לבית שחיטה של סטמר שהיו בקשר עם חברת "אנטרפ" אשר טיפחו אפרוחים. נתברר על עוף המכונה "קורניש אדום" ועוף "קורניש לבן" שיש להם מסורת, עוף "ליגורן לבן" שיש לו מסורת וכן עוף המכונה "פלימוט רוק " שיש לו מסורת.

מצירוף עוף המכונה "פלימוט רוק" עוף עם מסורת. עם הקורניש הלבן שיש לו מסורת הגיעו האפרוחים ארצה או הביצים לטיפוח אפרוחים. מאז ועד היום האפרוחים שנקנים בארץ הם מהזוג הזהץ אמנם לא מאותו מפעל אשר כבר לא קיים אבל מאותו צירוף. כל המומחים יודעים להכיר את התרכובת הזאת. אין שום הכלאה אחרת לאפרוחים

אני יודע שמוציאים לעז על תערובת גנים. גם מוצאי הלעז יודעים היטב שעדיין אין חשש כזה. כל החידושים של שיטת הגנטיקה היא בתחילת הדרך ולדעת כל המומחים לפחות יקח עוד חמש שנים עד שיוכלו להשתמש בשיטת הגנטיקה ואולי עוד יותר.בפרט לגבי העופות הטמאים עדיין לא נחקרו נושאי הגנטיקה וממילא אי אפשר להשתמש בה. הם מקדימים לחקור את השטחים שיש בהם יותר ענין. בע"ה ידונו הרבנים בשאלות שיבואו. בדרך אגב, יש כאן כמה מומחים אשר עוסקים בשיטת הגנטיקה בזרעים ובבעלי חיים והם אומרים שבכלל אי אפשר לערב גנים בין שני מינים

2

אלו שהביאו העוף החדש השתמשו בו רק כנקבה ואילו הזכר לקחו את ה"קורניש" שמשתמשים בעופות כאן ואשר עליו הם מערערים על המסורת שלו, כדי לקבל צבע לבן לנוצות וכבר עומדים בדור הרביעי וסומכין על "אין חוששין לזרע האב" שזה לא רק דיעבד אלא מחלוקת בהלכה וזה מעשה ישראל ולא מעשה גוי ! והוא ממש נגד פסק החתם סופר המובא בפתחי תשובה. אשר כאשר נתערבו זכרים שאין להם מסורת ברוב זכרים כשרים והאפרוחים שנולדו מעורבים והכשיר החת"ס בתנאי שלא ניכר שום שינוי באפרוחים מצד זרע האב דכיון שהאב לא השפיע כלל אין חוששין לזרע האב. אילו בדידן צבע הנוצות נשתנו מצד זרע האב ובכל זאת רוצים לסמוך שאין חוששין לזרע האב. וכל זה נעשה בסוד. האין יד הבע"ד באמצע? ידוע לי אשר כבר חזרו על התהליך ד' פעמים. כלומר ולד התערובת של הקורניש הלבן והברקאל עירבו אותו שוב עם ברקאל וולדם ערבבו שוב עם ברקל כדי לקבל צבע לבן

א. שמעתי משוחטים שלמדו שחיטה לפני 30 שנה ויותר, כי בארה"ב יש שם משחטות שלמות אשר שוחטים שם עופות ללא מסורת כלל בגלל רבאי'ס שהנהיגו קולות. ולכן השוחטים החרדים לדבר ה' מזהירים את תלמידיהם להזהר מעופות טמאים וממילא בקיאותם בארה"ב בעופות טמאים יותר ממקומות אחרים. שוחטים בעולם יודעים איזו עופות שוחטים אבל בדרך כלל אינם מכירים את הטמאים. אחרת הדבר בארה"ב.

ב. גם ידוע הנאמר בגמ' נאמן הצייד לומר עוף זה התיר לי רבי הצייד וכתב הש"ך, אבל אינו נאמן לומר עוף זה התיר לי רבי החכם.

ג. והנה גברא רבא המבקש עילום שמו, ירד לעומק הבירור בענין העוף המדובר המכונה "ברקאל" הן בהלכה ובספרי שו"ת והן להבדיל אלף הבדלות בספרות המומחים ופרסומיהם לפני שנים על הסטורית העוף הזה. הוא שלח ממצאיו להרה"ג מוהר"ר שמואל ברנדסדורפר והרר"ש העבירם אלי. בחסדי השי"ת זיכנו בפרי עמלו.

לפני מאה ושלשים וחמש שנים פרסמו כי ההעדפה בעוף ה"ברקאל" היא בגלל הביצים העגולות שהוא מטיל. ומסבירים מעלת הביצים העגולות כי החלמון שלהם גדול בשליש או רבע מביצים שהם כד חד, ואף מסבירים שעיסה שצריך לה 18 ביצים עגולות של ה"ברקאל" , בביצים כד וחד יצטרכו 24 ביצים. ויאלצו להשתמש בחלמונים בלבד. לא הצלחלתי לראות הביצים שלהם כי שומרים על סודות. גם לא רצו שאגיע ללול העופות לראותם והגעתי ללא הסכמה ואז נאלצו לפתוח לי. יתכן שאחרי שערבו את הזכר של הפטם שלנו שהוא הזן הנקרא "קורניש" כנ"ל, נשתנו הביצים לכד חד (כי כידוע מכרו כאן ביצים של העוף המיובא ואיני מאמין שאפשר הי' למכור ביצים עגולות כד וכד) אבל הביצים של ה"ברקאל" כאשר שניהם הם מאותו המין זכר ונקבה, הן עגולות. תוך כדי כתיבה הביאו לי ידיעה כי פגשו את המוכר של הביצים ושאלו אותו האם הביצים היו רגילות או משונות. וענה הי' חלק היון משונות וחלק רגילות ושאלתי שיש ביצים משונות וענו לי שכיון שרק חלק משונה זה בסדר. בדרכ"ת סי' פ"ב סק"ו הביא מצ"צ הראשון ששמע שיש אווזות שיש להם סימן טומאה דהיינו שאין ביצים שלהם כשאר ביצים שראשן אחד כד ואחד חד צריך להזהר שלא לאכול מאלו האווזות. עוד כתב שם בדרכ"ת, שוב ראיתי דאתי ליד הספר כו"פ עם הגהות כת"י של הגאון בית מאיר ז"ל **וראיתי שכתב הגאון בעל בית מאיר בענין זה בגליון בסוף הקונטרס פני נשר וז"ל ומכ"ש אם נודע שמין זה, אף רק איזה מהם, הטילו ביצים בסימני טומאה בלי ספק הם אסורים כחזיר !**

ד. עוד הביא לנו נספח משנת 1904 שאז כינו את העוף "ברקאל החדש" כי הרכיבו אותו עם עוף הנקרא "סיברייט" , עוף שאין לו שום מסורת. ה"סיברייט" מטיל ביצים קטנות כביצי יונה. ובספר תולדות יצחק מקאמארנא בספר דרך נשר סי' ג' עמוד קי"ד שנשאל על תרנגולים צעירים שמטילים ביצים בגודל ביצי יונים והשיב שהם טמאים !

בנוסף לזה יש ספרות על כמה הכלאות שהברקאל עבר במשך השנים אחרי 1904 ושמות העופות שהוכלאו בו ורחוק מאד לומר שזה העוף הכשר מדור דור.

**מבואר בפמ"ג שפ"ד סק"ב, שבמקום שיש מסורת לאיסור לא תועיל שום מסורת להיתר ואפי' מאה עדים.**

והנה העיד השו"ב בערקוביץ כי לפני כ-20 שנה אמר לו חברו , שוחט מבוגר שהעוף הזה "ברקאל" מקובל כעוף טמא. וכן שמעתי בטלפון מכ"ק שליט"א בשם שני שוחטים ותיקים, שהעוף הזה מקובל כעוף טמא.

גם ידוע אשר גדולי עולם חששו מצבע כעין שחרות במקור ושינוי בצבע הרגלים. בעיני ראיתי שיש שחרות במקור וצבע הרגליים. מאמי ע"ה שצעתי בילדותי כי רגלי העופות היו צהובים וכאן מביאים לנו עופות אשר רגליהם בגוון שחור או אפור ואמרים אין צורך במסורת, הן הן העופות.

3

גם מופיע בז'ורנל של שנת תרע"ד שהיתה הכלאה ב" ברקאל" עוף המכונה קוצ'ין אשר ידוע שאין לו מסורת, והיתה תוצאה במראה הביצים.

ידוע לי שבתורכיה שוחטים העופות האלו וגם בירךתי על כשרות השוחט שם שאומר מי שלימדו מלאכת השחיטה הי' שוחט אותם הנקבות בלבד כי הזכרים קשה לאכלם ובישולם קשה. מ"מ אין ידוע מתי התחילו לשחוט עופות אלו ואיזה תלמידי חכמים היו שם שיכלו לקבוע מסורת. זה שלפני מאה וחמשים שנה הי' שם הגאון בעל חקרי לב עדיין לא אומר לנו שאז שחטו העוף הזה. הרי יתכן שלפני כמה עשרות שנים או בזמן מלחמת העולם השניה ומבלי ת"ח התחילו לשחוט ועתה נאמר שיש שם מסורת ובפרט כאשר בארה"ב אומרים בפירוש שהוא מקובל כעוף טמא.

גם, היום כ"ב מנ"א ביקרתי בלול ונסינו להעמיד תרנגולים ע"ג מוט כמבואר בשו"ע ויש לי 9 תמונות איך הוא חולק רגליו. וכבר העידו כבר רבנים מעיה"ק ירושלים שהעוף הזה חולק אצבעותיו !

ולסיכום הדברים יאמר:

א. אנו שאין אנו בקיאין בעופות הטמאים המפורשים בתורה ובשמותיהן אין אנו אוכלים עוף אלא במסורת.
ב. העופות הנשחטים בארצנו והנקראים עופות פטם, כשרותן במסורת ממש ואין עליהם שום מקום לערעור.
ג. הכתוב בקונטרס מסורת העופות, כי אמנם העוף "ברקאל" אין לו מסורת ואין שום עדות של מסורת עליו אלא שהוא התרנגול הפשוט שאכלו בכל תפוצות ישראל אינו מקובל כלל כאשר שוחטים אינם יודעים ואינם מכירים את העוף ששחטו בכל תפוצות ישראל. דברים אלו הם נגד יסוד אמונתנו ,שהתורה הזאת לא תהי' מוחלפת.
ד. העוף המכונה "ברקאל" שהביאו לכאן ולארה"ב ולצרפת איננו יודעים על מסורת, להיפך אנו יודעים שהי' מטיל ביצים שהם כד וכד והוא סימן טומאה. אנו יודעים שהגויים, כמסיח לפי תומו לפני מאה ושבעים ושלש שנים ( הרבה שנים לפני שהוקמה החברה של גוים "נאמנים" ששומרת על העוף מהכלאה ועל סמך דבריהם הביאו העופות) כבר כינו אותו "ברקאל החדש" בגלל שהכליאו בו עוף טמא כנ"ל. גם הוא חולק אצבעותיו הרי מכל צד ופינה אין מקום לויכוח שהוא עוף טמא.

**הדבר הקשה מכל, שהנושא הוא בעיקרי האמונה ומי יודע מה יביאו עלינו. חייבים לקרוא לציבור להרבות תפילה ובקשה ולעורר רחמים רבים. והשי"ת ישמרנו ויצילנו מן השעות הקשות וירחם על עמו ישראל.**

ואל הנגידים אשר השקיעו ממון רב בענין וזה למעלה משנתיים ששמרו הכל בסוד כמוס. ברצוני לומר אני מבין היטב שהפסד ממון הוא כאב גדול. גם אני כואב את כאבכם . אך בכל זאת אומר כי אתם צריכים לעשות סעודת הודאה על אשר נצלתם ברגע האחרון מלהביא מכשול עצום לבית ישראל. כי איך תוכלו לעמוד בדין על האכלת טריפות לאלפים ורבבות ואין לאל ידכם להפסיק המכשלה. הקב"ה ימלא חסרונכם ותחשב לכם המחשבה שהיתה אצלכם בטעות תחשב לכם לטובה כי לטובה כוונתכם ותקבלו שכר על הפרישה, אלף פעמים ככה. ותתברכו בשנה טובה ומתוקה, כתיבה וחתימה טובה.

ולכבוד קדושתו וגאונו העומד בפרץ, אומר כבר הי' לעולמים בימי הגאון החסיד מקאמארנא כמבואר בספר תולדות יצחק בקונטרס פני נשר סי'ג' ועל מנהיגי ישראל לעורר רחמים להצלת המצב.

בכל הכבוד הראוי ובברכת כוח"ט



משה יהודא ליב לנדא
רב אב"ד דבני ברק.

ר

# ענדגילטיגער הוראה צו כלל ישראל דורך גדולי הדור שליט"א נישט צו נוצן דעם נייעם "בראַקל" האָן האָט הילכיגן אָפּקלאַנג אין די אידישע וועלט

(פארזעצונג פון זייט 43)

זעלבע צייט אין פאל חלילה דער עוף ווערט יאָ נתפשט ביי געוויסע, וועט מען דארפ'ן גוט מברר זיין ווען מען גייט עסן ביי אנדערע, ובפרט אין בני ברק, צי דאס איז נישט חלילה פונעם דאזיגן עוף הטמא.

דער קלארער פסק הלכה פונעם ראב"ד האט אויפגעשטורעמט דעם עולם התורה, בנוסף צום פסק פון הרב לאנדא שליט"א וואס האָט אויך גע'אסר'ט די בראקל הינער, און דאָס באדייט אז די גרויסע בית השחיטות אין ארץ ישראל פון די "עדה החרדית" און "הרב לאנדא" וועלן נישט שעכטן די דאזיגע עופות, באַזונדער האָט מען אויך געהערט ענליכע דערקלערונגען פון הגאון רבי אברהם רובין שליט"א פון רחובות און הגאון רבי שלמה מחפוד שליט"א לגבי זייערע בית השחיטות.

## "בודאי ישראל קדושים וועלן זיך אָפּשיידן פון נוצן די פלייש פון דעם עוף"

אויב איז דאָס נישט גענוג געווען צו ברענגען א קלאָרקייט אין די טעמע, איז דעם מאָנטאָג, ווי דערמאַנט, נתפרסם געוואָרן די תשובה פון מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א וואס דער רבי שליט"א האט צוריקגעשיקט פאר הגאון אב"ד בני ברק שליט"א, וואו דער רבי שליט"א הייבט אן זיינע ווערטער מיט דברי חיזוק והערכה פאר אב"ד דמתא וועלכע שטייט בראש פונעם עיר התורה והחסידות בני ברק, ובפרט פונעם מהודר'דיגן כשרות אפאראט וואס איז מפורסם בכל תפוצות ישראל, און אצינד האט ער זיך ארייגעלייגט לקנא קנאת ה' צו שטיין על המשמר, און זיך מטריח געווען בטירחא דגופא מברר צו זיין דעם קלארן הלכה לאמיתה של תורה לדעת את האסור ואת המותר.

דאן לאזט זיך דער רבי שליט"א אריין אינעם מציאות פונעם נייעם עוף, שרייבנדיג ווי פאלגענד:

"היות די שאלה איז אויך נוגע פאר'ן בית השחיטה דאהי אין קרית יואל, וואס פון דעם ווערט צוגעשטעלט בשר עוף פאר טויזענטער אידן מדקדקים בכשרות אין אמעריקע, זענען מיר געזעצן אינאיינעם מיט לאנגיעריגע שוחטים און גרויסע רבנים וואס זענען שטארק בקי אין מלבן זיין די הלכה און קענען דעם מציאות הדברים להבדיל בין הטהור והטמא, אזוי אויך זענען מיר געזעצן מיט די וואס האדעווען די עופות און גרויסע מומחים כדי קלארצושטעלן די מציאות, און עס איז געברענגט געווארן פאר אונז דער נייער עוף 'בראקל'.

דער רבי שליט"א איז ממשיך אויסצושמועסן וואס ער האט אליינס געזען ביים באטראכטן דעם עוף: "אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות, איך האב געזען אז עס איז אנדערש מיט'ן גאנצן געשטאלט און מהות פון די געוועגליכע תרנגולים צו וואס מיר זענען צוגעוואוינט; סיי מיט'ן קאליר פון די נאז (וואס דער דרכי תשובה ברענגט אראפ פון פוסקים אז א שווארצע נאז הייסט א שינוי), סיי די קאליר פון די פיס (וואס דער ייטב לב שרייבט אז א טויש דערביי הייסט א שינוי), דער קול וואס ער שרייט מיט מער א מאדנע קול ווי די געוועגליכע עופות, סיי די קאליר פונעם 'קרוין' וואס איז אנדערש מיט'ן געשטאלט און קאליר, אזוי אויך פליט עס ארום אינגאנצן אנדערש ווי דער געוועגליכער תרנגול וואס מיר פארמאגן ובפרט לויט זיין גרויסקייט.

"דאס האב איך געזען מיט די אייגענע אויגן, און אזוי האבן מעיד געווען שוחטים מובהקים אז דער עוף איז אינגאנצן אנדערש פון די עופות וואס איז

(פארזעצונג אויף זייט 45)

**משה שטרנבוך**
**ראב"ד**
לכל מקהלות האשכנזים
**ראש הישיבה**
מח"ס מועדים וזמנים ושו"ת תשובות והנהגות ועוד
**בעיה"ק ירושלים ת"ו**

**Rabbi Moshe Sternbuch**
**Chief Rabbi**
of the Orthodox Rabbinical Courts
Rosh HaYeshiva
**Jerusalem**

בס"ד

יום חמישי ב' אלול תשע"ז

אודות מה שמערערים לאחרונה על העופות שכל בית ישראל אוכלים זה עשרות שנים בכל מקומות מושבותיהם, וטוענים שלא נתברר מסורת על הקורני"ש ועל הרוק שהם אבות העופות שלנו [המכונים פטמים], ולכן לדבריהם יש לאסור את כל העופות שלנו לאכילה כיון שנולדו מעופות בלי מסורת, ועוד טוענים שיש לחשוש שמא עושים הכלאות בעופות מזנים אחרים שלא נודע מסורת עליהם, ומה עוד שלדבריהם יש שינוי בצורת העוף טהור בשנים האחרונות, ואין לנו מסורת על צורת העוף החדשה, ועל כן רוצים הם למצוא תחליף לעוף המקובל אצלינו, ולהתחיל לאכול מעתה רק עוף מזן אחר המכונה "בראקל" שלפי דבריהם עדיין לא הוכלא, ומשתדלים לגדלם ולהפיצם לתוך בית ישראל.

הנה ראשית דבר, כיון שנהגו כל בית ישראל - ובכללם גם גדולי וצדיקי עולם - לאכול את העופות המקובלים אצלינו, זה לכשעצמו כבר מספיק בכדי להכשיר את העופות, וחס ושלום מלפקפק על כל עם ישראל ועל גדולים וצדיקים במשך הרבה שנים ולומר שכולם נכשלו באכילת עוף טמא, ודבר זה עדיף גם ממסורת, ועל כן אין לנו להיכנס במשא ומתן **האם** העופות כשרים או לא, אלא אם באנו לדון אין לנו אלא לדון **מדוע** הם כשרים, אך המציאות בוודאי ברורה שכלל ישראל כולו בכל מקומות מושבותיהם בראשות גדולי וצדיקי עולם לא נכשלו באכילת עופות טמאים.

וכבר כתב הנצי"ב (שו"ת משיב דבר ח"ב סי כ"ב) שעופות שנהגו ישראל להחזיקם בחזקת טהרה, יש להתירם גם אם לא נודע מה מקורם, וכלשונו שם: "תדע שהיתר העוף אינדיק שאנו אוכלין היו הרבה מערערים עליהם בשעה שהביאום מאינדיא ולא היה מסורת על כשרותם, וגם עוד היום יש מחמירים ופורשים מהם, ומ"מ כבר נהגו להיתר ואין פוצה פה, והוא משום שכבר הוחזקו להיתרא ואין ראיה לאסרם", עיי"ש, וגם כאן מאחר שעם ישראל החזיקו את העופות שלנו בטהרה זה שנים רבות, הרי זה גופא נחשב כמסורת ועדיף ממסורת.

ומה שטוענים על הכלאות הנעשים מידי שנה בעופות מזנים אחרים שאינם ידועים, בירר־תי הדבר אצל גדולי המומחים בארץ ובחו"ל, והם טוענים בתוקף שלא נעשים הכלאות מזנים אחרים מלבד העופות הידועים לנו, ומלבד זאת לדברי המומחים אין מקום כלל לחשוש הכלאות בעופות טמאים ממש, כי גם אם אפשר להכליא טמא וטהור יחדיו בכדי להוליד וולדות מהם וולדות, אבל אין זה רווחי, ולכן מצד המציאות אין מקום לתלות את העופות בתולדת עוף טמא ממש.

ומה שטוענים העוררים שיש שינוי בצורת העוף שלנו מצורת העוף שהיה נראה בעבר, ולדבריהם אין לנו מסורת להכשיר את העוף בצורתו החדשה, דע ששקר בפיהם, דביודעי קאמינא שאין שום שינוי בצורת עוף טהור זה שנים רבות, והעידו לפני מומחי כשרות ויהודים זקנים בארץ ובחו"ל שאין שום שינוי בצורת עוף טהור, [והשינוי בגובה הרגלים והגדלת החלקים הנאכלים בעוף וכדו', היה גם פעם במיעוט העופות המצויים בינינו, ומהמיעוט הזה הפרו והרבו עופות רבים בשיטות ידועות, ועכ"פ אין זה שינוי בצורת העוף הטהור].

ב] ולגבי העוף הגדל בבלגיה הנקרא "בראקל", שלפי לדבריהם עוף זה לא הוכלא, ומשווקים את בשרו לאכילה, ויש מהם שגם אוכלים ביצים רק מביצי עוף זה, הנה הם מביאים עדויות מכמה שוחטים שמעידים ששחטו עוף כזה ולכן לדבריהם יש לזה מסורת, אבל בירר־תי אצל אחד מהשוחטים שהעידו ששחט עוף זה, ואמר לי שלא זה היה העוף שהיה מצוי בכל המדינה, אלא כאשר ממנו לשוחטו היה שוחט, ושאלתי האם בדק וחקר עליו אם הוא כשר או ששחט מכל מה שהביאו לפניו בלא דרישה וחקירה, והשיב ששחט בלא שום בדיקה וחקירה, ופשוט שאין זה בגדר מסורת, דמסורת היינו דווקא כשבמדינה שלמה אוכלים אותו בקבלה מאבותיהם, ולא כשיש איזה שוחטים שהזדמן לידם לשחוט עוף כזה.

לאחר מכן בירר־נו אצל שוחטים אחרים, והוברר שגם מה ששחטו לפעמים, לא היה אלא עוף אחר הדומה לו במראהו החיצוני, והוא הנקרא "בלדי", והבראקל במראהו מטעה לחשוב שהוא

רח' קצנלבוגן 4, הר-נוף, ירושלים ת"ו טל: 02-6519610 Rechov Katzenelbogen 4, Har-Nof, Jerusalem Tel: 02-6519610

**משה שטרנבוך**
**ראב"ד**
לכל מקהלות האשכנזים
**ראש הישיבה**
מח"ס מועדים וזמנים ושו"ת תשובות והנהגות ועוד
**בעיה"ק ירושלים ת"ו**

**Rabbi Moshe Sternbuch**
**Chief Rabbi**
of the Orthodox Rabbinical Courts
Rosh HaYeshiva
**Jerusalem**

העוף הבלאדי כיון שהם באמת דומים במראיתם הכללי, אבל באמת ישנם שינויים רבים ביניהם, כפי שנתברר לי מכמה מומחים שינויים רבים בין הבלאדי לבראקל, ולא אוכל להיכנס לכל הפרטים כי רבים הם, אך זה וודאי שהבראקל שונה מהבלאדי. [ויש אומרים גם שהבראקל חולק את רגליו ואינו מיישר עצמו אחר כך כדוגמת העופות שלנו שגם כאשר חולקים את רגליהם הם מיישרים עצמם לאחר זמן מועט].

ובררנו אצל מספר מומחים המתמחים בתחום זה, המכירים היטב את הבלאדי לצורותיו השונות, ואף מכירים את התפתחות גידול עופות הבלאדי באיזור זה במהלך חמישים – שישים שנה האחרונות, ולדבריהם השינויים שבין הבלאדי לבראקל אינם רק שינויים קלים, אלא הם במהותם שני עופות שונים, ויש ביניהם הרבה שינויים, כגון במבנה הגוף שהבראקל יותר צר וגבוה ומתאים לצורת עופות קרב, וגם נוצות הבראקל הם מוארכות וצרות ללא הסיומת העגולה האופיינית לעופות עם מסורת, וגם המעוף שלו יותר גבוה משאר עופות ביחס למשקלו, [ובשונה מעוף להגורן שמשקלו מועט, וגובה המעוף מותאם למשקלו], וגם זנבו מוארך יותר מעוף הבלאדי, והוא שונה גם בטעם ובצבע בשרו מעוף הבלאדי.

ודע שעוף הבראקל בעצמו לא היה נשחט בירושלים ובארץ ישראל, שהוא היה מצוי באיזור בלגיה, ולפני קרוב למאה שנה התחיל להתמעט מאוד והוכרז כעוף בסכנת הכחדה, ולפני כארבעים שנה לא נשארו אלא עופות בודדים בכל העולם מעופות אלו, ולאחר מכן החלו לגדלו בשנית, והיה מצוי באיזור בלגיה, וכל המעידים על ראיית בראקל בארץ, לא ראו אלא תרנגולים דומים לאלו המכונים בלדי, ומאידך, בבלגיה גופא שהוא מקום גידול הבראקל, העידו בפני יושבי בלגיה, שאין שום מסורת בבלגיה על אכילת הבראקל.

ולכן הדבר פשוט וברור שאסור לאכול עוף הבראקל, וגם בדק הגרמי"ל לנדא שליט"א המציאות ומצא שאין שום היתר והכריז עליו לאיסור, ודין העוף כמפורש בדברי חיים (יו"ד ח"ב סי' מ"ה) שבלא מסורת ברורה דינו כעוף טמא, ואפילו כל גדולי ישראל יתירו הוא באיסורו עומד.

וראוי לתקן שכל שוחט שישחט עוף כזה, הוא נפסל בכך לשחיטה אצלינו, וכל מי שאוכל מעוף זה, אינו יכול להיות משגיח כשרות אצלינו, וראוי לכל אחד לדעת שאם חלילה יתפשט הדבר, יהא עליו לבדוק בשעה שמזמינים אותו לאכול אצל אחרים, [ובמיוחד בבני ברק] שאין מאכילים אותו מעוף זה.

ולפני כשבוע שחטו באשדוד כשבעת אלפים עופות מעוף ה"בראקל", וזה כמה שנים שהם כבר מוכרים את ביצי הבראקל לאכילה ביוקר – וטוענים שזה מהודר, ולכן אני קורא לרבנים ואדמורי"ם בארץ ובגולה, להכריז שהעופות והביצים שלנו כשרים ומהודרים, ובית ישראל אינם נכשלים ח"ו בטריפות, ומכח התורה"ק אוסרים לאכול ולהאכיל את העוף החדש.

ומבואר בזוה"ק שבשעה שהשטן בא לקטרג שעם ישראל חוטאים, אומרים לו הבא עדים, והוא יורד למטה ומביא מה ששומע מרבנים המקטרגים על ישראל, ולכן ראוי לנו לפרסם האמת שאין כאן נדנוד חשש, והקב"ה נהנה שבניו לא חטאו.

ובלונדון ראיתי אצל האדמו"ר משאץ הרה"צ רבי שלום מוסקוויץ זצ"ל, שהיה תקיף בדעתו שמצות מכונה הם חמץ גמור וכשיטת הגה"ק ה"דברי חיים" מצאנז זצ"ל, אך מ"מ אחר ימי הפסח היה מעמיד על שולחנו מצות מכונה, והיה אומר "לפני הפסח אמנם זה מוחזק אצלינו כחמץ גמור, אך עכשיו לאחר הפסח חלילה לי לומר שיהודים אכלו חמץ, ש"יהודים אינם אוכלים חמץ" ח"ו", ולכן העמידם על שולחנו להורות שאין בזה חשש חמץ שעבר עליו הפסח.

ועובדא הוי בהגה"ק בעל ה"דברי יואל" מסאטמאר זצוק"ל שהגיע לארץ בשנת השמיטה, וביקר אצל מרן הגאון רבי ראובן בענגיס זצ"ל, וסיפר לו שהביא עמו מחוץ לארץ את כל מאכלו, ואפילו חלב לקח עמו, ושאל אותו הרב בענגיס זצ"ל מה עניין חלב ושביעית, והשיב שכשם שאין שותים בפסח חלב של בהמה שאכלה חמץ, כך גם יש לחוש שלא לשתות חלב בהמה שאכלה ספיחי שביעית, וכיון שבארץ ישראל הפרות אוכלות ספיחי שביעית, החלב נאסר בשתיה, ולכן הביא עמו חלב מחו"ל.

רח' קצנלבוגן 4, הר-נוף, ירושלים ת"ו טל: 02-6519610 Rechov Katzenelbogen 4, Har-Nof, Jerusalem Tel: 02-6519610

**משה שטרנבוך**
**ראב"ד**
לכל מקהלות האשכנזים
**ראש הישיבה**
מח"ס מועדים וזמנים ושו"ת תשובות והנהגות ועוד
**בעיה"ק ירושלים ת"ו**

**Rabbi Moshe Sternbuch**
**Chief Rabbi**
of the Orthodox Rabbinical Courts
Rosh HaYeshiva
**Jerusalem**

הקול יצא בירושלים שהרה"ק מסאטמאר זצ"ל אוסר שתיית חלב ארץ ישראל בשביעית, והגיעו הדברים אף לאוזני מרן הגאון דבריסק זצ"ל, ומרן זצ"ל רגז מאוד ואמר, "מאחר שנהגו כל בית ישראל לשתות את החלב אין להרהר אחר מנהג ישראל, ובפרט בדבר משקה הנוגע לחיי נפש", וכשהגיעו דברי מרן הגרי"ז זצ"ל לאוזני הרה"ק מסאטמאר זצ"ל, הצטער מאוד והיה לו הרבה עוגמת נפש, ושלח מיד להודיע להגאון דבריסק זצ"ל שדעת שניהם שווה שאין להרהר על מנהג כל ישראל, ובחינם טפלו עליו עלילות שקר, ורק משום שבלא"ה הביא עמו מאכלו מחו"ל, הביא עמו גם חלב, אבל לא פקפק ח"ו על מנהג כל ישראל.

וידוע שבזמן הבית יוסף נחלקו המנהגים אם צריך לעשר פירות הגויים שגמרם גוי, ורובם נהגו כהרמב"ם שאין מעשרים פירות של נכרי, והבית יוסף שמע שיחידים מחמירים בזה כשיטת התוס', וכינס יחד את חכמי צפת, וגזרו בנידוי חרם ושמתא שעוד כל ימי עולם לא יעשר אדם לקוח מהגוי לחומרא, שלא ניתנה תורה להיעשות כשני תורות שכל אחד יעשה לעצמו חומרות כרצונו בפרהסיה נגד מה שפשט בכל ישראל, ולא כמו היום שמטילים מום בית ישראל קדושים שנכשלו ונכשלין.

ויש לרבנים ובתי דינים ואדמורי"ם לפרסם ששעם ישראל לא עברו ח"ו על אכילת מאכלות אסורות, והעופות שלנו כשרים ומהודרים, ועוף הבראקל אסור באכילה, ובזכות זה הקב"ה יגן עלינו ונזכה בקרוב לקבל פני משיח צדקינו.

כשרות העופות
7686401@gmail.com

רח' קצנלבוגן 4, הר-נוף, ירושלים ת"ו טל: 02-6519610 Rechov Katzenelbogen 4, Har-Nof, Jerusalem Tel: 02-6519610

# ענדגילטיגער הוראה צו כלל ישראל דורך גדולי הדור שליט"א נישט צו נוצן דעם נייעם "בראַקל" האָן האָט הילכיגן אָפּקלאַנג אין די אידישע וועלט

(פארזעצונג פון זייט 44)

געווען איינגעוואוינט ביי אונז אינעם פריערדיגן דור, און ביי אזא פאל האט שוין גע'פסק'ענט דער הייליגער דברי חיים אז מען דארף האבן א באזונדערע מסורת אויף דעם עוף, און מען קען עס נישט פארגלייכן צו אנדערע".

דער רבי שליט"א ברענגט דאן צו פונעם הייליגן שינאווער רב זי"ע, אז א נייער עוף, ווילאנג עס איז נישט אינגאנצן גלייך צו די עופות וועלכע מיר עסן, הגם עס איז ענליך מיט פארשידענע זאכן, מעגן מיר עס נישט עסן, ביז עס איז דא א קלארע ידיעה אז עס ווערט געגעסן אין א פלאץ וואו עס איז דא בני תורה און יראת שמים, און כל שכן ווען מען רעדט לגבי דעם 'בראקל' עוף וואס פארמאגט גרויסע שינויים.

בכח התורה פירט דער רבי שליט"א אויס מיט'ן פסק הלכה: "דעריבער האבן מיר אנגעוויזן הלכה למעשה מען זאל נישט אריינברענגען דעם עוף אינעם היגן בית השחיטה, און אזוי איז אויך אפגעמאכט געווארן דער דין דורך די גדולי המורים אין ארץ ישראל, מעכ"ת הדר"ג שליט"א (הגאון הרב לאנדא), ואתו עמו די קלארער בריוו לאמיתה של תורה פון ידידי הגאון ראב"ד ירושלים שליט"א, ממילא בודאי וועלן זיך ישראל קדושים אפשיידן פון עסן דעם עוף בכל מקומות מושבותיהם".

די בירורי הלכה זענען בליץ שנעל געוואָרן דער געשפרעך פון טאָג, ווען די גדולי הדור האָבן אַלע משמיע געווען חוות דעתם מיט א קלאָרן בירור הלכה אַז מ'זאל נישט עסן די בראקל עופות, און ביי רוב מנין און רוב בנין פון כלל ישראל האָט דאָס געברענגט דעם ענדגילטיגן אומצווייידייטיגן פסק הלכה אין די טעמע.

## די היינטיגע עופות האבן קיין שום חשש

אין די תשובות פון די גדולי הדור איז אויך קלאָרגעשטעלט געוואָרן אַז די היינטיגע עופות פאַרמאָגן נישט קיין שום חשש, און כלל ישראל קען ווייטער עסן ווי געהעריג, ויאכלו ענוים וישבעו.

דער ראב"ד שליט"א אין די תשובה טוט שארף אפווארפן די טענות אויף די אזוי גערופענע 'מישונגען' וואס מען מאכט ביי די עופות מיט אנדערע אומבאקאנטע מינים, שרייבנדיג "איך האב מברר געווען ביי גרויסע מומחים אין ארץ ישראל און חוץ לארץ, און זיי טענה'ען בתוקף אז עס ווערט נישט געמאכט בכלל, אויסער מיט עופות וואס זענען באקאנט פאר אונז (אלס כשר מיט א מסורת)", און ער פירט אויס אז עס איז נישט דא קיין שום שינוי אינעם היינטיגן אויסקוק פונעם עוף אנדערש ווי עס איז געווען אמאל, "דע ששקר בפיהם, דביודעי קאמינא שאין שום שינוי בצורת עוף טהור זה שנים רבות, והעידו לפני מומחי כשרות זקנים בארץ ובחו"ל שאין שום שינוי בצורת עוף טהור".

אויך דער בני ברק'ער רב שליט"א וועלכער איז פקיע שמיה אין די גאנצע אידישע וועלט מיט זיין געוואלדיגע בקיאות, חומרות און הידורים בתחום הכשרות, ציגט אָן: "שוין צוואנציג יאר וואס מען האט אנגעהויבן מערער זיין אויף די עופות וואס מען שעכט אין ארץ ישראל אז דאס האט נישט קיין מסורת, אבער זיי האבן זיך בכלל נישט אינטערעסירט ווי אזוי מען געבט בכלל א הכשר אויף עופות, און אז וואס געבן די הכשרים ווייסן אויך אז עס איז דא א סימן פ"ב אין שולחן ערוך. און ווען מען האט זיי אויפגעוויזן אז זיי ווייסן נישט וואס זיי רעדן, האבן זיי נישט חושש געווען צו שרייבן פלפולים קעגן וואס איז מפורש אין שולחן ערוך וכדומה.

"אלס תוצאה פון די ערעורים האבן זיי מחליט געווען בסוד פאר צוויי אדער דריי יאר צוריק, צו ברענגען נייע עופות אשר לא ידעום אבותינו, און אנהייבן א נייע מסורת און עפענען דערמיט דעם וועג פאר'ן בעל דבר רח"ל. זיי זאגן בפירוש אז עס איז שוין נישטא קיין מסורת ביי אידן, און דעריבער דארף מען מאכן א נייע מסורת, און אויב עס איז נישטא קיין מסורת ביי אידן וועט מען טרעפן א מסורת ביי גוים. זיי האבן געברענגט עופות וואס זיי זאגן בשם דעם גוי אז די עופות זענען נישט נשתנה געווארן פון מתן תורה; זיי האבן נישט בודק געווען אויב דער גוי זאגט אמת, און אודאי ווייסן זיי נישט בודק צו זיין צי די עופות זענען נישט פון די עופות הטמאים, אדער אפשר איז געווארן אויסגעמישט דערין די עופות הטמאים... אויף אזא פאל איז נישטא געגוג ווערטער, מען קען בלויז שרייען אוי מה היה לנו".

ווייטער טוט הרב לאנדא שליט"א אנטפלעקן די פונקטליכע סוד המסורת פון די היינטיגע עופות, זאגנדיג אז ביז יעצט האט ער עס נישט געוואלט מפרסם זיין, אבער אצינד צוליב די פרישע מציאות און דרכי הבעל דבר האט ער באשלאסן אז לא עת לחשות, און איז מגלה מיט'ן גאנצן תוקף אז אונזערע עופות זענען טהורים און מוחזק במסורת.

ועל כולם האָט מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א קלאָרגעשטעלט אַז וואָס איז נוגע די הינער אין אַמעריקע איז ער פערזענליך אַראָפּגעפאָרן נאָך יאָרן צוריק צו די "העטשעריס" וואו מ'האָדעוועט די הינער און מברר געווען אַז ס'איז נישטאָ קיין שום חשש, און זינט דאַן שטייט הגאון בעל מגד יהודה שליט"א על המשמר צו פאַרזיכערן אַז ס'מאַכן זיך נישט קיין שום פּראָבלעמען און חששות מיט די הינער וועלכע ווערן גענוצט אינעם באַרימטן בית השחיטה המהודרת אין קרית יואל, ווי אויבן דערמאַנט.

באזונדער באציט זיך דער רבי שליט"א צו די טענות קעגן די היינטיגע עופות, ווי מיר האבן עס שוין פריער אראפגעברענגט, און צייכנט אן אז אז מען טאר נישט מערער זיין און מוציא לעז זיין אויף אן עוף טהור וואס פארמאגט אלע סימני טהרה אפילו עס האט נישט קיין מסורה, ווי דער דרכי תשובה ברענגט אראפ פונעם שו"ת משיב דבר לגבי די עוף 'אינדיק' וואס אסאך האבן מערער געווען אז עס פארמאגט נישט קיין מסורה, אבער וויבאלד כלל ישראל האט עס שוין געגעסן במשך עטליכע דורות, טאר מען עס נישט אסר'ן און מוציא לעז זיין אויף אונזערע עלטערן ווי כאילו זיי האבן חלילה געגעסן אן עוף טמא, און דער רבי שרייבט: "ויסוד דבריו קילורין גם לענינינו, באותן העופות שנאכלין כבר זה שבעים שנה על ידי המוני בית ישראל ורבנים גדולים צדיקים מפורסמים אשר מימיהם אנו שותים".

די זעלבע דברים ברורים ווערן אויך דערמאנט בדברי הגאון ראב"ד ירושלים שליט"א, און להבחל"ח הגאון האדיר בעל קנה בושם זצ"ל אינעם אויבנדערמאנטן תשובה להלכה נוצט גאר שטארק דעם זעלבן יסוד בשם דעם שו"ת בית שלמה.

## שטורעם אין עולם התורה

אפגעזען פונעם פסק הלכה ברורה וואס איז געווארן אנגענומען דורך רוב פראמינענטע גדולי הדור ופוסקי ההלכה שליט"א, האט דער פולמוס פאראורזאכט א תורה'דיגער שטורעם במשא ומתן של הלכה, ווען תלמידי חכמים וצורבא מדרבנן האבן זיך אריינגעלייגט אינעם אנגלעגנהייט; דורכגעלערנט די סימנים אין שו"ע, און מעיין געווען בספרי גדולי הפוסקים אשר מפיהם אנו חיים, אזוי אז דער פולמוס האט גורם געווען צו א פאזיטיווער ערשיינונג אין די בחינה פון יגדיל תורה ויאדיר, 'תורה היא וללמוד אני צריך'.

אין א לעצטיגער הלכה'דיגער שמועס צווישן דעם סאטמארער רבי'ן שליט"א און הגאון הגדול רבי מנחם זכרי' זילבער שליט"א גאב"ד פריימאַן וראב"ד התאחדות הרבנים ומח"ס שו"ת מאזני צדק [בשעת דער גאון שליט"א איז געקומען איבערגעבן דעם נייעם ספר "טיב גיטין" מיט הערות "מאזני צדק"], האט דער רבי שליט"א נאכגעזאגט וואס חז"ל דרש'ענען אין מסכת ברכות אויפ'ן פסוק "התעיף עיניך בו ואיננו" אז "אין עוף אלא תורה", און ממליץ געווען אז דער נייער 'עוף' האט גורם געווען עס זאל נתרבה ווערן תורה ביי כלל ישראל, וואס דאס איז אודאי א געבענטשטע זאך פאר זיך, ודרוש וקבל שכר.

אין די זעלבע צייט דערמאנט אָבער דער רבי שליט"א אין זיין תשובה, אז אזא האקעלע נושא בדברים העומדים ברומו של עולם באלאנגט בלויז פאר גדולי תורה והוראה וועלכע פארמאגן א מסורת אין די ענינים, זיי זענען נושא בעול הציבור און קענען גאר גוט דעם נושא סיי מצד דעם הלכה'דיגן חלק און סיי מצד דעם מציאות'דיגן חלק, והן המה וואס האבן דעם אחריות לדון ולהורות האסור והמותר פאר כלל ישראל, און נישט יעדער בן תורה קען נעמען דעם פעדער אין די האַנט און אַריינשפּרינגען אין אַזאַ האַקעלע נושא וואָס איז נוגע פאַר גאַנץ כלל ישראל.

לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל.

# הונדערטער סאָרט הינער – ענליך אָבער נישט ענליך

כדי בעסער צו פאַרשטיין וויאַזוי דער יעצטיגער פולמוס איז אַנטשטאַנען, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט אַז אין דער וועלט זענען פאראן הונדערטער סאָרט הינער. זיי געהערן טאַקע אַלע צו די הינער פאַמיליע, אָבער זענען אַנדערש איינער פון צווייטן. אַמאָל זענען פאראן גאָר גרויסע ענדערונגען וואָס מ'דערקענט תיכף מיט איין קוק אַז דאָס איז אַנדערש איינס פון די אַנדערע, אָבער פילע פון די 'קאָזינס' זעען אויס גאָר ענליך איינס צום צווייטן, און בלויז גרויסע מומחים און פּראָפעסאָרן קענען באַמערקן דעם אונטערשיד צווישן זיי. די שטודיע פון הינער איז א ברייטפארצווייגטע, און ס'זענען דאָ היינט גרויסע עקספּערטן וועלכע זענען ספּעציעלע מומחים אין דעם דאָזיגן פעלד צו קענען אונטערשיידן צווישן אַלע פאַרשידענע סאָרט הינער.

אַזוי קען אויסקומען אַז צוויי מענטשן זאָלן קוקן אויף צוויי הינער, איינער זאָל זיך שווערן אַז דיביידע זענען ממש דאָס זעלבע זאַך און קוקן אויס אַקוראַט איינע ווי די אַנדערע, אָבער דער אנדערער וועט יאָ קענען דערקענען די קליינטשיגע חילוקים צווישן די צוויי סאָרט הינער.

ווען עס קומט צו די הלכה'דיגע טייל בנוגע מאַכן א מסורה איבער הינער, שרייבן די פּוסקים קלאָר אַז מ'קען נישט נוצן איין סאָרט האָן צו מאַכן א מסורה אויף אַן אַנדערע סאָרט האָן, און ווי מרן מסאַטמאַר שליט"א ציטירט פונעם הייליגן צאַנזער רב זי"ע אַז "אין מדמין מתרנגול לתרנגול", און אפילו די מינדסטע שינוי טוישט שוין די הלכה און דאָס איז עפּעס וואָס געהער פאַר גדולי הדור צו באַשליסן וואָס מ'קען יאָ מדמה זיין און וואָס נישט.

מ'זעט עס טאַקע יעצט זייער קלאָר בחוש ביי די "בראקל" פּרשה, אַז אפילו אויב מיט אַן אויבנאויפיגן בליק קען מען טרעפן הינער ערגעץ וואו אין דער וועלט וועלכע קוקן אויס גאַנץ ענליך צו די בראקל הינער, אַזוי למשל די "באלאדי" הינער וואָס מ'האָט גענוצט אין ארץ ישראל אד"ג, און דערפאַר טאַקע קען מען הערן פון געוויסע עלטערע שוחטים אַז זיי געדענקען אַז מ'האָט גע'שחט'ן דעם בראקל אַמאָל, אָבער ווען מ'הייבט אַן אַביסל טיפער אַריינצוקוקן, און ווען מ'רעדט זיך דורך מיט די גרויסע מומחים אין דעם פעלד — ווי מ'קען טאַקע זען אין די בייגעלייגטע בילדער פון די גדולי ישראל שליט"א — קומען אַרויס פאַרשידענע קליינטשיגע אָבער גאָר וויכטיגע חילוקים, וואָס שטעלן קלאָר אַז דער איצטיגער "בראקל" עוף איז נישט דער זעלבער עוף וואָס מ'האָט אַמאָל גענוצט, און דעריבער האָט עס נישט קיין מסורה.

מערכת
קול החינוך
24 HOUR HOTLINE
718.989.6842
FREE OF CHARGE
רייכע טיפע שיעורים וועכנטליך
וויכטיגע יסודות אויף **שלום בית**
אנווייזונגן אויף **חינוך ילדים**
ברייטע וויסנשאפט אין **MENTAL HEALTH**
פיל אינפארמאציע וועגן **טעראפי** און **טעראפיסטן**
**איבערגעגעבן דורך דעם**
**לאנג יעריגען רב און טעראפיסט**
הרב **לייב שטערנליכט** שליט"א
**שאלות ותשובות**